# הושענא רבה תשכ"ז

**יש** לתת טעם למה נקרא יום זה הושענא רבא, גם צ"ב אמירתינו הושענא למענך אלקינו הושענא, פארוואס מ'זאגט נאכאמאל הושענא, מ'דארף טאקע ארויס זאגן שטייט ביי תפלה דאס איז שייך בלשון מיותר, דאס איז עפעס דאפעלט, דאס איז די זעלבע זאך, אין קאפיטל פון לא לנו זאגט מען אויך צוויי מאל, לא לנו ה' און דערנאך זאגט ער נאכאמאל לא לנו.

**קודם** איז דאך שוין ידוע איך זאג עס אלע יארן, וואס דער טאטע זכרונו לברכה פלעגט צו זאגן פון זיידענס וועגען איך זאג עס אייביג דאס משל, דאס ענין פון הושענא רבא פארוואס מ'זאגט למענך אלקינו, פלעגט ער זאגן דאס משל, ווען א מלך קומט אין שטאט אריין אויף דעם זמן, אז ווער ס'האט עפעס וואס צו בעטען איז דאס די צייט, אז מ'האט עפעס צו פארלאנגען, אבער מ'האט עפעס פוגם געווען זאל ער בעטען ער זאל אים מוחל זיין, ווער ס'איז א בר שכל דער גייט אקעגן, ערווארט נישטאמאל ביז דער מלך קומט אין שטאט אריין, נאר ער גייט אקעגן און ער פאלט פאר די פיס און בעהט זיך, ער וויל שוין מתקן זיין וואס ער האט פוגם געווען, ווער ס'האט נישט דעם דעת, אבער ווען דער מלך קומט שוין אין די שטאט אריין ווער גייט שוין נישט אין דעם זמן, ווער ס'לאזט אבער איבער די גאנצע צייט, ער איז נישט געגאנגען די

KolSatmar.com

גאנצע צייט נישט, און ער טוט גארנישט, אבער ווען די כרוזים קומען ארויס, דער מלך גייט אוועק פון די שטאט, ער געזעגענט זיך שוין, ווער גייט נישט צו דעמאלטץ זיך בעטען, נאר ווער ס'גייט שוין דעמאלטץ, דער גייט דאך מיט גרויס בושה, אי מלכא אנא עד השתא אמאי לא אתית לגבאי, אז מ'קומט אבער און ער זאגט איך קום נישט אין מיין אינטערעסע, איך בין געקומען אין אינטערעסע פונעם מלך, לאזט מען אייביג צו.

**אזוי** פארשטייט מען דאס נמשל, ס'איז דאך ידוע דער זמן פון ראש השנה ביז נאך הושענא רבא שטייט דרשו ה' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב, ווער ס'איז א בר דעת דער האט שוין הכנה פון ר"ח אלול אן, אבער ווער ס'טוט דאס נישט, עכ"פ ר"ה, עשי"ת, דעם הייליגען טאג, ווער ס'גייט פאריבער די אלע טעג, מ'זעהט ווייטער אויס אזוי ווי מ'האט אויסגעזעהן, אבער אז ס'קומט הושענא רבא, ס'איז שוין דער לעצטער טאג, דער מלך געזעגענט זיך שוין פון אונז, אז איינער האט דעם דעת אין דעם איינעם טאג קען מען נאך אויפטאהן אלסדינג, נאר מיט וואס פאר א בושה קומט מען, איבערדעם זאגט מען למענך אלקינו, מ'קום מיר אין אינטערעסע פונעם מלך.

**קען** מען דאך פארשטיין אין דעם הו"ר, **וואס זאל מיר זאגן, מה נאמר ומה נדבר, ווי אזוי קען מען אויפמאכען דאס מויל, מורי ורבותי ! איך וויל זאגן איך קום נישט זאגן דא קיין מוסר, ס'איז הושענא רבא, מ'וויל זיך אביסעל אפרעדען פונעם הארץ, מ'קוקט אן בעוה"ר דאס גרויסע שפלות, זאל מער חלילה נישט ארויסגיין בחרפה ובבושה.**

**דער** זיידע זכרונו לברכה אין תהלים תפלה למשה (קפיטל ע"ג) שטייט ואהי נגוע כל היום ותוכחתי לבקרים, זאגט ער דארט א משל אויף זיך, ס'זעהט אויס ער האט עס געזאגט אין א דרשה, ער

KolSatmar.com

ברענגט עס אין תהלים׳ל, טייטשט ער, ואהי נגוע כל היום, ס׳איז אזוי זאגט ער, לכאורה אז מ׳גייט זאגן, אבער איך בין אהיה נגוע כל היום, איך בין אליין א נגוע כל היום, פון דעסטוועגען ותוכחתי לבקרים, ער איז דארט מאריך מיט א משל, אזוי ווי אן עבד וואס ער האט זייער פוגם געווען פארן מלך, מ׳האט אים ארויסגעווארפן, אזוי ווי ער דרייט זיך אינדרויסען האט ער געזעהן דארט די בני המלך האבן אויך עפעס געזינדיגט, און מ׳האט זיי אוועקגעשיקט פון דערהיים, זיי זענען דארט נתגשם געווארן, דער מלך האט ארויסגעקוקט, א גרויס צער איז געווען, ס׳געווען א גרויס צער פארן מלך אז די קינדער זיינע ווערען נישט בעסער, אז ער זעהט נישט קיין אופן ווי אזוי ער זאל זיי צוריק אהיים נעמען, ס׳נישט דא מיט וואס, דער עבד האט דאס געזעהן, האט ער אהער גענומען די קינדער און האט זיי דערמאנט, אז עטץ זענטץ בני המלך, אז מ׳זאל עפעס טון, אז ער האט זיי צוריקגעברענגט און ער האט זיי אריינגעברענגט א כח, האבן זיי געבעטן ווייטער צום מלך, מ׳האט זיי אריינגענומען, דער מלך האט געפרעגט דערנאך ווער האט דאס גורם געווען, האבן זיי געזאגט דער עבד וואס איז אינדרויסען, פאר דעם אליין האט ער אויך זוכה געווען, וואס ער האט געטיען א נחת רוח.

**איך** דארף דאך נישט צו זאגן דאס משל, **בעוה"ר אזוי ווי מ׳זעה מער היינט אויס, מ׳דארף נישט צו זאגן דאס, היינט זאל מען זאגן אזוי ווי מ׳זעהט ואהי נגוע כל היום, נאר ותוכחתי "לבקרים", שומרים לבוקר שומרים לבוקר, מ׳זיצט אין מ׳ווארט ס׳זאל זיך עפעס עפענען, מ׳זאל עפעס זעהן א צופרי אן עמוד השחר, מ׳זאל מיר זעהן א שטיקל לעכטיקייט, בעוה"ר ס׳איז קדרותא דצפרא, דאס גרויסע פינצטערניש נאך פון איידער ס׳ווערט טאג, דאס איז ותוכחתי "לבקרים".**

KolSatmar.com

**לדרכינו** האב איך דא אינזין געהאט, מ'זאגט מלכנו מלך אבותינו גואלנו גואל אבותינו, לכאורה אז ס'זאל ארויף גיין אויף די פריערדיגע גאולה, מ'האט דאך קודם אויסגעלייזט די עלטערן, גאולת מצרים און די אלע גאולות, **נאר מ'האף מיר איצט אויך אחרית כראשית, וועל מער אונז אויך אויסגעלייזט ווערען, אזוי ווי ס'איז געווען אמאל פריער, אז דער בוכ"ע זאל ארייגשיינען אין יודישע הערצער, לאמיר נישט שווייגען אין אזא הייליגען טאג, ווען מ'האלט שוין ביים געזעגענען**, קודם איז דאך גואל אבותינו, ווי פריער איז געווען, זאגט מען איצט גואלינו ס'זאל זיין אחרית כראשית, פארוואס דען זאגט מען קודם גואלינו, נאר קודם איז גואל אבותינו, וגואלינו, פארוואס איז קודם גואלינו און נאכדעם איז גואל אבותינו.

**נאר** וואזשע דען, זעהט אויס אזוי, ס'שטייט אז ספרי חיים וספרי מתים פתוחין לפניו בר"ה, אזוי ווי מ'איז דן ר"ה און יוה"כ און דער גמר החתימה איז הו"ר ובשמע"צ הוא גמר מסירת הפתקין, מ'איז דן די חיים און מ'איז דן די מתים אויכעט, די וואס זיי זענען שוין אויף יענעם עולם איז מען אויך דן מיטען דין הקשה, איבערהויפט די לעצטע, ס'שטייט דאך אז די וואס זענען מתים מחבלי משיח די וועלען אויפשטיין תיכף, גראד ביים ביאת המשיח, פארן זמן פון תחיית המתים, נאר אזוי ווי ס'וועט זיין ביאת המשיח, איז מען דאך דן זיי אויכעט, עקסטער דעם די אבות הקדושים וואס זענען שרוי בצער מיטען יודישען גלות מיטען יודישען שפלות, זענען דאך זיי אויכעט שרוי בצער, זיי קוקן אויך ארויס אויסגעלייזט צו ווערען, איבערהויפט די וואס זיי זעהן אבער דאס שפלות, דער צער איז דאך אין אלע עולמות, די וועלען דאך געהאלפן ווערען מיט אונז אינאיינעם, ווער ווייסט נאך, ווי **עם ווערט געברענגט וויפיל נשמות איז דא וואס זיי קומען אויך אין בית המדרש אין אזא צייט, און בעטען פון אונז טוט אונז א טובה, מיט אונז אינאיינעם**

KolSatmar.com

וועלען געהאלפן ווערען אלע נשמות, ווען השי"ת וועט העלפן, איבערדעם זאגט מען גואלינו מיט אונזער גאולה, וועט זיין גואל אבותינו, אונזערע עלטערען וועלען אויך אויסגעלייזט ווערען, אלע עולמות קוקן ארויס.

**אוי** מי יחיה משומו א-ל, זאגט דער מדרש זש"ה דוד האט געזאגט אין תהלים וסלחתי לעוני כי רב הוא, דארף מען צו פארשטיין, נאר לאמיר זעהן, ס'שטייט אין מדרש, משה רבינו האט געזאגט הראיני נא את כבודך, האט דער בוכ"ע אים געזאגט מתן שכרן של מצוות, האט ער געוואלט זעהן האט אים דער בוכ"ע געוויזען אלע אוצרות פאר יעדע מצוה, די גרויסע אוצרות וואס מ'באקומט, כדי ער זאל וויסען . . . ער האט דערזעהן איינעם א גרויסען אוצר, אין מדרש תנחומא שטייט דאך דאס לשון גדולה מכולם, האט ער געפרעגט דער וואס האט נישט קיין מעשים, מי שאין לו משלו, האט ער אים געזאגט, דאס איז דער אוצר מתנת חנם, ווער ס'האט נישט קיין מעשים, מי שאין לו משלו, באקומט ער פון דעם אוצר גדול פון מתנת חנם, קומט דאך אויס ס'איז לקתה מדת הדין, דער וואס האט מעשים טובים באקומט פון א קלערענען אוצר און דער וואס ער האט נישט באקומט פון א גרעסערען אוצר, לקתה מדת הדין, זאגן זיי דאס אויך, ווי קאן מען זאגן אז הקב"ה וותרן, נאר דא שמועסט מען נישט פון קיין רשעים, נאר אז מ'האט נישט גענוג מעשים טובים די האבן פון מתנת חנם, עכ"פ ברויך מען פארשטיין, מ'נייט זיך כ'וועל נישט מאריך זיין.

**דער** אמת דאכט זיך מיר פשוט, קודם רש"י זאגט דאך, וחנותי את אשר אחון ורחמתי את אשר ארחם, זאגט רש"י אז דער בוכ"ע האט געזאגט את אשר אחון אז ס'איז דא א עת לחננה, ווען ס'איז דא א צייט פון רחמים, ס'איז פארהאנדען אמאל וחנותי וגו' אע"פ שאינו הגון, דאך די אלע אע"פ שאינו כדאי מלשון חנינה, דאס איז

KolSatmar.com

טייטש א מתנת חנם, זאגט ער דאס איז נישט אלעמאל, אזוי זאגט רש"י, נאר צום סוף זאגט די גמרא אין ר"ה (דף י"ז) (און עס ברענגט עס צו רש"י) איז געווען הבטיחו שאינן חוזרות ריקם, פריער איז געווען אז נישט אויף אלעמאל, צום סוף האט ער געזאגט הבטחתו שאינן חוזרת ריקם, כסדר, אזוי זאגט די גמרא און רש"י ברענגט עס צו, והקשה בהפלאה אז ס'איז א הבטחה פארוואס דען זעהט מען אסאך מאל האט מען געזאגט י"ג מדות אעפי"כ האט מען נישט מצליח געווען און ס'איז גארנישט געווארן, ברענגט ער פון לבנת הספיר, אז דער פשט איז "יעשו" לפני כסדר הזה, ס'איז נישט גענוג דאס זאגן, נאר מ'מוז טאקע זיין דערביי אין די מדה, איבערדעם האבן זיי נישט מצליח געווען ווייל מ'האט נאר געזאגט.

**דער** אמת פרעגען זיי, אזוי טייטשט דער בני יששכר, קל הורית לנו לומר, די מדה פון קל דאס קען דאך א מענטש נישט זיין, און איינס פון די י"ג מדות איז קל, איז דא א הוראה אז מ'מיינט טאקע נאר אמירה, און פון לשון רש"י איז אויך אזוי משמע, הבטיחו שאינן חוזרות ריקן כל זמן "שיזכירום" ישראל בתפלת תעניתם - זאגט רש"י - ס'איז אינן חוזרות ריקן, זעהט אויס דער עיקר איז די זכירה דאס לשון יזכירום איז אויך משמע אזוי, זעהט אויך אזוי אויס, עכ"פ די קשיא איז דאך, מ'זעהט דאך אסאך מאל מ'האט שוין געזאגט י"ג מדות בציבור, נאך אין די פריערדיגע דורות, און דאך האט מען נישט געזעהן, ס'איז שוין אסאך מאל פארגעקומען, אפשר קען זיין, שאינן חוזרות ריקם, ס'שטייט נישט אז מ'דערפילט די גאנצע בקשה, נאר לעהר וועט עס נישט זיין, אזוי שטייט דאך דאס לשון ריקם, עפעס א ישועה איז געקומען, נאר מיט א גרויסע הסתרה, ווער ווייסט דען ווי אזוי ס'עט געווען אויסגעזעהן ווען דאס וועט נישט געווען - די י"ג מדות - אזוי איז עס עפעס, אבער עקסטער דעם קען נאך זיין ס'איז דאך ידוע, **דער שערי אורה זאגט, די אלע תפלות פון די פריערדיגע פון די קדמונים, די**

KolSatmar.com

פריערדיגע האבן מתפלל געווען אויף די גאולה און ס'איז נישט מקוים געווארן, מיינט מען חלילה ס'איז גארנישט, די אלע תפלות שטייען נאך, ווען ס'וועט קומען די צייט וועלען די אלע תפלות אראפברענגען, און ס'וועט עפעס ברענגען א תועלת, די תפלות וואס ווערט נתקבל איז אמאל נתקבל, נאר אז ס'איז נאך נישט צייט ווערט עס נתעכב ביז ס'וועט זיין די צייט.

**איבערדעם** שטייט המכסה אני מאברהם אשר אני עושה ואברהם היו יהיה לגוי גדול ועצום, לכאורה דער בוכ"ע האט אים געזאגט און ער האט מתפלל געוועזן, ס'איז נישט געווען קיין חמשים צדיקים, ס'איז נישט געווען דאס אלעס, האט מען דאך גארנישט אויפגעטיען, האט מען אים בחינם מצער געווען, בחנם האט מען אים געדארפט צו זאגן, ער האט דאך גארנישט אויפגעטיען, נאר וואס דען אפילו אויף דעמאלטץ האט נישט געהאט קיין פלאץ, די תפלה איז געבליבן, בכל דור ודור קען מען גארנישט וויסען ווען ס'וועקט זיך אויף די תפלות, ס'זאל מגין זיין אבער כדומה, איבערדעם האט עס אויפגעטיען, המכסה אני מאברהם אשר אני עושה, הגם עס וועט גארנישט אויפטיען, אבער אברהם היו יהיה לגוי גדול ועצום, מ'וועט עס ברויכען אויף שפעטער, אפשר איז דאס דער פשט שאינן חוזרות ריקם, אז ס'גייט נישט אוועק לעהר, אבער מ'קען נישט וויסען די צייט ווען ס'וועט ברענגען דאס תועלת, דארף מען גרויס סייעתא דשמיא, מורי ורבותי! דאס ערשטע אז ס'קומט אין אזא טאג צום געזעגענען, מ'זאל עפעס זאגן יודישע ווערטער פארן בוכ"ע, מ'ווייס מער דאך ווי אזוי מ'זעה מער אויס, מ'זאל זאגן דיבורים וואס זאלן נתקבל ווערען פארן באשעפער, און עקסטער דעם ברויך מען סייעתא דשמיא, ס'זאל זיין שוין, נישט ווי די וואס זיי שטייען אויבען, וואס איז נישט אויף איצטערט נאר מ'דארף צו ווארטען.

KolSatmar.com

**אפשר** פארדעם זאגט מען צוויי מאל הושענא, ס'שטייט אין פסוק ועל השנות החלום פעמים כי נכון הדבר "וממהר" אלקים לעשותו, איין מאל אז מ'זאגט א זאך קען זיין אז ס'וועט זיין ערגעץ אויף לאנג, נישט נאר אויף איצט, ס'איז טאקע אמת אבער שפעטער, אז מ'חזר'ט איבער נאכאמאל ווייזט מען מיט דעם אז ס'ברויך צו זיין שוין, זאגט מען הושענא למענך אלקינו, אבער מ'האב מיר שוין נישט קיין כח צו ווארטען לאנג, ווי לאנג קען מען נאך אויסהאלטען, מ'זעמיר שוין גענוג נידעריג און שפל, מ'ווייסט אליין נישט ווי ווייט די שפלות בעוה"ר, מורי ורבותי! אסאך דורות שריי מיר שוין ומפגיע אין בעדינו, אין מי יגדור גדר ומי יעמוד בפרץ ומפגיע אין בעדינו, אבער מ'האט נישט געוויסט וואס דאס איז טייטש, מ'האט געמיינט אפשר קעגען די פריערדיגע דורות, אבער בעוה"ר היינט פארשטייט מען די טייטש במלוא מובן המילה, מ'דארף מיר צו וויסען, מ'דארף מיר אליין עפעס טון, קל כביר לא ימאס, ס'איז נישט דא ווער ס'זאל פאר אונז עפעס טון, מורי ורבותי! לאמיר נישט ארויסגיין פון דעם טאג מיט גארנישט, מ'וועל מיר שוין נישט האבן אזא טאג ביז איבער א יאר, ווער ווייסט וואס אין דעם יאר וועט זיך נאך טון, ביז מ'וועל מיר דערלעבען נאך אזא טאג, ווער ווייסט דען יעדער וואס מיט אים וועט זיך טון אין דעם יאר, עקסטער דעם קען מען נישט אויסהאלטען לענגער, זאגט מען הושענא למענך אלקינו, זאגט מען נאכאמאל הושענא, טאקע שוין ברויך מען די ישועה.

**כ'האב** דעם זומער גזאגט (עי' דברי יואל עקב), די גמרא זאגט, מיום שחרב בית המקדש ננעלו שערי תפלה, פון ווען דאס ביהמ"ק איז חרוב געווארן זענען פארשלאסען געווארן די שערי תפלה, אלא אעפי"כ שערי דמעות לא ננעלו, לכאורה פארקערט די גמרא זאגט, (ברכות ו') כרום זלות לבני אדם, דברים העומדים

KolSatmar.com

ברומו של עולם ובני אדם מזלזלים בהם, זאגט די גמרא זו תפלה, לכאורה אלדינגס איז דאך דברים העומדים ברומו של עולם, יעדע מצוה שטייט ברומו של עולם, אז מ'האט די זכיה עפעס צו טאהן פארן כבוד שמים אז ס'איז א נקודה שבלב פארן אייבירשטענס וועגען, פארוואס דוקא תפלה איז עומדים ברומו של עולם, אורייתא בדחילו ורחימו איז פרחת לעילא.

**מוז** זיין דער פשט איז אזוי, לכאורה עס שטייט ננעלו שערי תפלה פארוואס דען דאווענט מען, ס'איז דאך לכאורה בחנם, אפילו ער זאגט שערי דמעות לא ננעלו, וואס טוט מען ווען איינער איז נישט דערביי צו לאזען דמעות, אפילו יא אבער ס'איז נישט קיין אמת'דיגע טרערן, ס'איז נישט מקושר מיטן הארץ, סתם תפלה איז דאך א חיוב, יעדע תפלה איז יעדער מחויב מתפלל צו זיין, דריי מאל אין טאג איז א חיוב, לויטען רמב"ם איז עס גאר א חיוב דאורייתא, אין אן עת צרה זאגט דער רמב"ן אויך ס'איז דאורייתא, אז ס'איז פארשלאסען די שערי תפלה איז עס בחנם.

**נאר** וואזשע דען, דער עיקר איז אז מ'זאל זעהן די תפלות זאלן ארויפגיין, נישט שטיין אויבען, עס קען נישט אריין גיין ווייל די טויערען זענען פארשלאסען, **אז מ'טרעפט אבער א יוד וואס לאזט אמת'דיגע טרערן, עפענט מען אויף די טויערען, אז די טויערען זענען אפען גייען שוין אריין די תפלות, דורך וועם די טויערן עפענען זיך אבער ווען ס'איז אפען איז עס אפען, דברים העומדים ברומו של עולם, די תפלות שטייען אלע אויבען און ווארטען זיי זאלן קענען אריינגיין, מ'זאל עפענען די טויערן, לאמיר נישט שוינען קיין טרערן, ווער ווייסט דען ווער ס'לאזט אמת'דיגע טרערן, אלע אינאיינעם זאל מער אויפמאכען די טויערן, לאמיר נישט שוינען קיין טרערן, לאמיר**

KolSatmar.com

**אויפמאכען די טויערן פון שערי תפלה, השי"ת זאל מקבל זיין יודישע תפלות.**

**דער** אמת דער אוצר הגדול של מתנת חנם, ס'שטייט וחנותי את אשר אחון . . . צדיקים אע"פ שיש לתלות במעשיהם הטובים אינם מבקשים אלא מתנת חנם, פרעגט מען די קשיא פארוואס . . . ס'איז דא צוויי טעמים, קודם תפלת צדיקים איז דאך מהפך געווען מדת הדין למדת הרחמים, אזוי זאגט די גמרא למה נמשלו תפלת צדיקים לעתר, מה עתר מהפך מלמטה למעלה כך צדיקים מהפכין מדת הדין, און דער כלל איז, ס'שטייט אין זוה"ק למה היו אמותינו עקרות מפני שהקב"ה מתאוה לתפלתן של צדיקים, זאגט דער זוה"ק דיתרבי ויתוסף רבות קודשא, אז ביי זיי האט עס געטראפן און זיי האבן געפענט מיט די תפלות, האט מען שוין פארוועם מ'ברויך געבען, ושאבתם מים בששון ממעיני הישועה, זיי האבן עס געשעפט, פאר זיי איז עס נישט אזוי שווער געווען ווי פאר אונז, זיי האבן געזעהן אז ס'וועט זיין דורות, מ'וועט שוין נישט קענען אנהענגען אין קיין מעשים טובים, אזוי שטייט די גאולה איז דאך אינגאנצען, דער בוכ"ע זאגט ואביט כי אין איש ואשתומם כי אין סומך, כולו זכאי האב מיר שוין לאנג פארשפילט, אבער כולו חייב, די נבואה האט געזאגט אזוי וועט אויסזעהן, ואעשה למען שמי, ס'שטייט דאך אין די פסוקים אזוי, לבלתי חלל שם קדשי, די גאולה וועט זיין וועגען כבוד שמים, אפילו הגם מ'זעמיר דאך אבער נישט ראוי, מוז מען צוקומען צום אוצר הגדול פון מתנת חנם, מ'איז דאך נישט ראוי, האבן זיי געבעטען, זיי ווילען אריינגיין אין מתנת חנם, האבן זיי געפענט די טויערן, עפעס ווארט אויף שפעטער.

**פארדעם** זאגט ער ואתחנן אל ה' בעת ההיא, בחנם, ער האט געבעטען פון מתנת חנם, פארוואס, ער האט דאך געהאט מעשים טובים, נאר ס'מוז זיין לאמר, מ'זאל ווייטער קענען

KolSatmar.com

זאגן, אין אנדערע דורות זאל מען אויך קענען מתפלל זיין, מ׳זאל אונז געבען פונעם אוצר הגדול פון מתנת חנם, משה רבינו האט אויך נאר געוואלט אריינקומען אין מתנת חנם, דארף מען האבן צו דעם א שעת רחמים, זיי האבן שוין דאס אויסגעארבעט פארדעם איז אדרבה פארקערט, ס׳איז נישט לקתה מדת הדין, אדרבה, זיי האבן דאס, זיי ארבעטען אויס אז ס׳זאל יעדער קענען אריינקומען, אבער אויך נאר דורך זיי, דורך די מעשים טובים, דורך זייער כח הקדושה, איז דאס נאך גרעסער.

**דאס** איז דער פשט למען שמך ה׳ וסלחתי לעוני כי רב הוא, וואס איז דער כי רב הוא, רש"י זאגט נאה לרב לסלוח על עון רב, דארף מען פארשטיין אדרבה איז דער עון גרעסער, איז דער פגם הארבער, נאר למען שמך ה׳ וסלחת לעוני, כאטש מ׳האב מער נישט גענוג תשובה געטיען, מ׳האב מיר נישט גענוג מעשים טובים, ס׳איז דאך אבער דא א גרויסער אוצר פון מתנת חנם, כי רב הוא, דער אוצר פון מתנת חנם איז זייער גרויס, גרעסער פון אלע אוצרות, פון דארטען האף מער צו באקומען, לאמיר ערוועקען רחמים וחסדים פארן בוכ"ע, לאמיר באקומען פונעם אוצר מתנת חנם, און מ׳קאן מיר געהאלפן ווערען, דאס איז דער פשט אוי מי יחיה משומו, ס׳איז דא פשטים דערינען, דער תרגום זאגט וויי לחייבא, יעדער בעל עבירה וואלט דעמאלטץ נאר געוואלט, דער ת"י זאגט אויך אויף דעם זמן וואס מ׳וועט קומען באצאלן רחמים פאר די צדיקים, און א עונש פאר די רשעים, א שווערע יום הדין איז דעמאלטץ ביי ביאת המשיח, עקסטער דעם שטייט דאך זיי וועלען טענה׳ן מה בין אלו לאלו, און מ׳וועט ענטפערן ס׳איז מתוך שיעבוד וטירוף הדעת, אבער אונסא כמאן דלא עביד, אבער ס׳איז דאך נישט קיין מעשים טובים, זאגט דער מדרש אוי מי יחיה משומו קל, ווער וויל בלייבען לעבען, ווען ס׳וועט זיין דער זמן לפני ביאת המשיח, אזא שטארקער יום הדין, ווי אזוי וועט מען ארויס קריכען, זאגט דער מדרש אין הכי

KolSatmar.com

נמי נאר וואס דען למען שמך ה' וסלחתי לעוני כי "רב" הוא, יודן וועלען באקומען פונעם אוצר מתנת חנם, מ'זאל זיך מדבק זיין אין די מדות פון די אבות הקדושים, מ'זאל זוכן יודישקייט און דבוק זיין אין די תוה"ק, וועט זיין כי רב הוא.

**איבערדעם** הייסט עס הושענא רבא, אז מ'בעהט למענך אלקינו,

**איך האב נישט מיט וואס צו קומען, מורי ורבותי!**

**איך בין מודה ומתודה, אוי, איך האב נישט גארנישט, וואס א פנים האט מען פארן בוכ"ע, מ'קומט מתפלל זיין ניטאמאל פאר זיך נאר פאר יודן, ומודה ועוזב הקב"ה מרחמהו, איך בין מודה ומתודה, ביתי ריקם, קיין מצות ומעשים טובים האב איך נישט, נאר מלא עוונות ופשעים, אלע אינאיינעם לאמיר רחמנות האבן איינער אויפן אנדערען, אלע אינאיינעם לאמיר זיך בארעכענען, מ'האמיר זיך נישט אויף וואס צו פארלאזען, מ'דארף בעטען ביים באשעפער רחמים וחנינה, פונעם אוצר הגדול פון מתנת חנם**, איבערדעם הייסט עס הושענא רבא, אז מ'האט דורך געלאזט די טעג, נאר מ'קומט דאך זאגן למענך אלקינו, ברויך מען אויפמאכען דעם גרויסען אוצר, הושענא "רבא" פונעם גרויסען אוצר ברויך מען.

**נאר** מ'זאגט לא לנו ה' לא לנו כי לשמך תן כבוד, צדיקים האבן אויך נישט געזאגט, זיי האבן נאר געבעטן מתנת חנם נישט פאר מיינעט וועגען, ס'שטייט ביי משה רבינו ואתחנן ער האט אויך נישט געבעטען פאר קיין מעשים טובים, אז מ'זאגט איינמאל לא לנו ה', קאן מען מיינען מ'זאגט אזוי ווי צדיקים האבן געזאגט, זאגט מען נאכאמאל, אז ס'איז דאך טאקע דער אמת, לא לנו, ממש גארנישט, נאר כי לשמך תן כבוד, נאר דאס איינציגע האב מער, ווי איז דער כבוד שמים, אזוי ווי כ'האב געזאגט דעם סוכות, די אבות הקדושים האבן געזאגט ימחו על קדושת שמך, ווי קאן דאס זיין אז

KolSatmar.com

אברהם אבינו און יעקב אבינו האבן אזוי געזאגט, נאר וואזשע דען ס'ליגט אין דעם א חכמה עמוקה, מ'האט נישט געקענט קעגען מקטרג, האבן זיי געזאגט איין עצה אזוי ווי דער רמב"ן הקדוש זאגט, (עה"פ פן ינכרו צרימו) וואס איז דער חילוק צו די גוים זאגן, נאר דער תכלית דער גאנצער בריאת העולם איז געווען יכירו שמו, מ'זאל וויסען ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, ס'איז דא א תוה"ק, דאס האט קיינער נישט געוואלט מקבל זיין נאר יודן, ווען ח"ו ס'זאל נישט זיין קיין יודן, ווער וועט אפהיטען די תורה הקדושה, ווער וועט מכיר זיין דעם כבוד שמים, אפילו מ'וועט זיי זאגן וועלען זיי זאגן אז ס'קומט זיך זיי, אבער דאס איז דאך אויף ע"ז, ממילא א כבוד שמים קען נאר זיין אז ס'איז דא יודן, איבערדעם איז רעכט דאס האבן זיי געזאגט, אז דער מקטרג זאגט ס'מוז זיין אז ימחו, אבער ס'מוז זיין "על קדושת שמך" דאס איז א סתירה אין מציאות, ימחו על "קדושת שמך" דאס וועט נישט בלייבען נאר ביי יודן, ח"ו אז ס'איז דא א צייט וואס ס'וואלט נישט געווען קיין יודן, איז נישט דא קיין כבוד שמים, איבערדעם דארף מען איצט מתפלל זיין אויף דעם, מ'האט אונז אויסגעלערנט, כ'האב געזאגט באריכות נאך ווייטער, איך וויל שוין נישט איצט איבערחזר'ן, איבערדעם עס קומט הושענא רבא זאגט מען למען שמך ה'.

## הושענא למענך אלקינו הושענא

**למענך** בוראינו, עס שטייט אין טור או"ח סי' קכ"ב ער ברענגט דארט אן אגדה, אז מ'זאגט די פיר זאכן, ד' דברים, יעדען אינדערפרי, איז מען זוכה לקבל פני השכינה, וועלעכעס זענען די ד' דברים, עשה למען שמך, עשה למען ימינך, עשה למען תורתך, עשה למען קדושתך, זיי זאגן דאך אלע איבערדעם איז מען זיך נוהג אלע טאג נאך יהיו לרצון, נאך אלקי נצור זאגט מען די פיר, זעהט אויס א

KolSatmar.com

זאך דער טור ברענגט פון א מאמר חז״ל, ווען מ׳זאגט די פיר זאכען איז מען זוכה לקבלת פני השכינה, בעונינו הרבים יעדער זאגט עס דריי מאל, ווי ווייט איז מען פון דעם, דאס איז אויך די זעלבע זאך, אפשר מוז דאס זיין, אז ס׳איז ניטאמאל ווי אזוי דאס דארף אויסצוזעהן דאס זאגן, בפיך ולבבך עס זאל זיין מקושר.

**איך** קלער אפשר, ווען מ׳איז מתבונן אין די פיר הושענות זיי זענען קעגען די פיר זאכען, למענך אלקינו דאס איז אקעגן שמך, דאס איז דערנאמען, הא-ל הגדול, למענך אלקינו, דער בוכ״ע אם צדקת מה תתן לו, שמו הקדוש ווערט נתקדש, איז עס למענך - למען ימינך וימינך טפחה הארץ, דאס איז בריאת העולם, ס׳איז באשאפען געווארן ביד ימינו, איבערדעם זאגט ער בוראינו, ס׳איז נאר מיט אן אנדער לשון, עקסטער דעם ימין איז מדת החסד, די בריאה איז נאר געווען מתוך חסדים, ווען נישט קאן דאך די וועלט נישט קיין קיום האבן, איבערדעם זאגט מען למענך בוראינו - למענך גואלינו, די תורה הקדושה איז אין געפענגעניש, אזוי שטייט דאך עלית למרום שבית שבי, ס׳וועט נתגלה ווערן דער אור תורה, ס׳שטייט ויאמר אלקים יהי אור, מיינט מען די תורה, דער אור מיינט מען מלך המשיח - דורשינו איז קדושה, דאס ווערט אנגערופן קדושה, ס׳מוז זיין אמת, דרשהו אם הוא רמאי, די גרעסטע דרישה ברויך מען האבן ווי אזוי מ׳קומט צו צו קדושה, איך וויל נישט דא מאריך זיין אין דעם ס׳איז דא כמה בחינות וואס קען זיין אז די פיר זאכען זענען קעגען די פיר הושענות וואס מ׳האט בוחר געווען צו זאגן יעצט.

**איצט** זאגט מען למענך בוראינו, דער בוכ״ע האט באשאפן אלעס בלשון קדושה, ס׳איז דאך ידוע פון א מצוה באשאפט מען א מלאך קדוש, פון א עבירה באשאפט מען א מלאך, דאס זענען מלאכים שחורים די זענען מצער בני אדם, און זענען מסיתים און מדיחים אויף אנדערע עבירות, עבירה גוררת עבירה, ״קונה״ לו

KolSatmar.com

שטייט, דער מהרש"א זאגט דאך אפילו מיט א מחשבה באשאפט מען אויכעט א מלאך, מיט א מחשבה רעה באשאפט מען א מלאך וואס פארפירט, לכאורה וואס ס'איז דא אויף דער וועלט אלעס האט דאך דער בוכ"ע באשאפן, מאתו לא תצא הרעות, נאר דער בוכ"ע האט געגעבען א כח מ'זאל קענען אריינברענגען אזעלכע ברואים, איבערהויפט פונעם חטא הידוע ווערט דאך באשאפן, די אלע מזיקים ווערען באשאפן פון דעם חטא הידוע, דאס האלט אויף קבלת פני השכינה, אזוי ווי ס'שטייט אין זוה"ק, דאס האלט אויף די גאולה ס'שטייט אין ישמח משה פ' כי תבא, אחר החקירה ואחר הדרישה נתוודע לו, אז דורך דעם חטא, דורך דעם האלט מען אויף די גאולה, מורי ורבותי ! לאמיר זיך בארעכענען ווער איז ריין פון דעם חטא, דאס שטייט דאך איבעראל די קומען דאך זעכער אין די בתי מדרשות, די אלע ניצה"ק דאס איז שוין ידוע, זיי בעטען זיך מ'זאל זיי מעלה זיין, ס'איז אזא געאייגנטע צייט אז מ'זאל קענען מתקן זיין, ווען ס'איז תפלת רבים אז מ'קומט זיך צונעזאם אין א מקום קדוש אין אזא הייליגע טאג, ס'איז נישט דא אזא געאייגענטע צייט, דעמאלץ אז מ'האט די אמת'דיגע הרהורי תשובה, אז מ'גיסט אויס טרערן פארן באשעפער אין אזא זמן, ווען איז נאך אזוי מסוגל מ'זאל דאס מתקן זיין, לאמיר זעהן, דער אייבירשטער האט אונז געהאלפן מ'האב מיר דערלעבט א הושענא רבא, ווען נאך וועל מיר האבן אזא טאג, מ'האלט ביים געזעגענען זיך פון די הייליגע טעג, ס'איז דער לעצטער טאג, ווען צום סוף אז מ'האט א גיטע מינוט קען מען נאך מער אויפטיען פון די אלע זמנים, לאמיר זעהן די אלע ניצה"ק זיי קומען זיך צונעזאם אין די בתי מדרשים, זיי בעטען זיך צו אונז, זייט אונז מעלה ! לאמיר זיי נישט איבערלאזען בבושה, לאמיר נישט ארויסגיין פון ביהמ"ד זיי זאלן חלילה בלייבען צווישען די קליפות, דער אייבירשטער זאל

KolSatmar.com

העלפן אז אונז וועלמיר ארויסגיין פון ביהמ"ד זאל מיר ארויסגיין מיט א פרייליך הארץ, אז מ'האט עפעס אויפגעטיען פארן באשעפער, לאמיר מיט נעמען די אלע ניצה"ק צו די קדושה, לאמיר נישט ארויס בחרפה ובבושה, לאמיר בלייבען מיט די בריאה וואס דער בוכ"ע האט אונז באשאפן, נישט מיט אזעלכע ברואים וואס זענען כנגד פון רצון הבורא ב"ה.

## הושענא למענך בוראנו הושענא

**מ'זאגט** למענך גואלינו, ס'איז איינס, ס'איז הא בהא תליא, מ'זאל אויסלייזען אלעס פון די עמקי הקליפה, דער אמת אונז זעמער געפאנגען, באמת איז דאס א שטיקל לימוד זכות דאס אליין, ס'איז נאך דא יודן וואס ס'טוט זיי וויי דאס הארץ, זיי העטען גערען געוואלט זאגן א יודיש ווארט פארן באשעפער, זיי האבן נאך געוואלט זיין יודן, נאר בעוה"ר מ'איז אין געפענגעניש, מכל משמר נצור לבך, טייטשט דער אלגזי, דאס הארץ איז אין א תפיסה, במשמר, ווי עס שטייט וינוחו אותו במשמר, מ'קען זיך אפהיטען פון דעם, מיט וואס נעמט מען דאס ארויס, אז מ'איז זיך מתאמץ דאס איז אין כלל פון דער גאולה, דער עיקר איז די גאולה כללית אין דעם איז דאך נכלל אלעס, דאס גיהער אויך דערצו אז ביז דערווייל מ'זאל ארויסגיין פון געפענגעניש, מ'איז געכאפט מיט מדות רעות און דעות רעות, אין די השפעת העולם איז מען געכאפט, בעוה"ר ס'איז אין חונן ואין מרחם, ס'איז נישט דא ווער ס'זאל אונז ארויסנעמען פון די תפיסה, אזוי ווי ס'איז געווען בדורות הראשונים, ס'איז געווען נביאי אמת, אזוי ווי ס'געווען אין די פריערדיגע צייטען, דער חובת הלבבות ברענגט, ס'איז געווען יחידי סגולה, לולי משה בחירו עמד בפרץ לפניו, מ'האט ארויסגענומען יודן, היינט האב מער גארנישט, נאר מ'זאל בעטען פונעם באשעפער, דער באשעפער איז א

גואל בתמידיות, יעדער יוד אז מ'גוט אן אמת'דיגען קרעכטץ אז מ'בעט דעם באשעפער העלפט דער בוכ"ע, ווען נישט דאס ביסעל סייעתא דשמיא העט שוין באלד נישט געווען קיין יוד אפילו ער זאל קומען אין בית המדרש, דורך דעם כובד הגלות ווי ווייט מ'איז געפאנגען, ווי ווייט דאס נידעריקייט איז, די גרויסע ביטערע הסתרה, אויף אזויפיל איז נאך דא סייעתא דשמיא, השי"ת נעמט אונז ארויס, דער בוכ"ע זאל אונז שוין העלפן מ'זאל טאקע ארויסנעמען אזוי ווי עס גיהער צו זיין, אפילו ביז צו דער גאולה שלימה, אונז זאל מער האבן אן אמת'דיג הארץ, אזוי ווי עס שטייט צדיקים לבם בידם ורשעים זענען ברשות לבם, מ'איז געפאנגען, עקסטער דעם פשט איז מען געפאנגען אליין, דאס גיהער אויך צו דער גאולה.

## הושענא למענך גואלנו הושענא

למענך דורשינו, כ'האב אמאל געהערט פון טאטן זכרונו לברכה ער האט געזאגט, ס'שטייט מ'האט געוויזען דור ודור ודורשיו, אז מ'קוקט אן ווער אונזערע דורשים זענען, אזוי ווי עס זעהט אויס, דארף מען געהאלפן ווערן, כ'האב אין זין געהאט דאס איז כעין זה ווי דער חת"ס זאגט מגננו ראה אלקים והבט פני משיחך, אז מ'וועט זעהן ווער אונזערע מגינים זענען וועט מען זעהן אז ס'איז די צייט מ'דארף צו ברענגען משיח'ן, דער חת"ס טייטשט אזוי, דאס איז די בחי' למענך דורשינו, נאר איך וויל מוסף נופך זיין, דער אמת, ס'איז אזוי, איך וועל נאכזאגן וואס כ'האב געטייטשט, לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך זאגט דער מדרש, משל לאחד ער האט געזעהן בירה דולקת, האט ער געזאגט תאמר שהבירה הזה בלא מנהיג הציץ עליו בעל הבירה ואמר איך בין דער מנהיג, אזוי ביי אברהם אבינו ער האט געקלערט אפשר שהעוה"ז בלא מנהיג, האט הקב"ה געזאגט איך בין דער מנהיג,

KolSatmar.com

ס'איז עפעס הפלא ופלא, דער לך לך איז דאך שוין געווען נאכען עומד זיין, ס'איז שוין געווען לעת זקנותו, ווען ער האט שוין געהאט מסי"נ פאר יחוד ה', מ'האט אים געווארפען אין קאלעך אויבען וכדומה, האט ער אנגעהויבען צו קלערען אז העוה"ז בלא מנהיג, ח"ו, דאס איז די גאנצע אמונה, האב איך געזאגט זעהט אויס אזוי, **אל הארץ אשר אראך, ווען דער בוכ"ע האט אים געוויזען האט ער דאך אים געוויזען עד ביאת המשיח, דור ודור ודורשיו, דור דור ושופטיו, דור דור ומנהיגיו, און אלע צדיקים רעכינט ער אויס, האט ער געזעהן די לעצטע דורות, האט ער געזעהן אז יודן שטייען אן א מנהיג, בירה דולקת עס ברענט, בעוה"ר עס ברענט א פייער, אבער אין הימעל ווייסט מען וואס עס גייט פאר, אזוי ווי** מ'האב מיר געזעהן די אלע יארן וואס איז דורך געגאנגען און קיינער האט נישט געוויסט גארנישט דורך די גרויסע ביטערע הסתרה, **האט אברהם אבינו געזאגט אפשר שהעוה"ז בלא מנהיג, ווי קען זיך פירען דאס כלל ישראל אויף דעם עולם אן א מנהיג, הציץ עליו בעל הבירה האט דער בוכ"ע געזאגט איך בין דער מנהיג, ווען לולי זאת וואלט טאקע חלילה געווען, ח"ו, דאס גאנצע יודישקייט חלילה אזוי ווי ארויסגעלאזט, דאס ביסעל וואס איז דא אביסעל יודן תינוקות של בית רבן וכדומה, ס'איז אלעס ווייל דער בוכ"ע איז דער מנהיג, איצט לאמיר זשע זעהן אז ס'איז דא א גיטער מנהיג בזכותו אליין ווערט דאך דאס דור געהאלפן, היינט שטיי מיר אזוי מ'האב מיר נישט קיין מנהיג, דער בורא כל עולמים, איז אונזער מנהיג, נישט קיין אנדערער, דער באשעפער פירט אונז און אויף אים פארלאז מיר זיך, און מ'זיך מיר איינגאנצען, לאמיר זיך אונטערווארפען אונטערען באשעפער . . . דער בוכ"ע וועט אונז העלפן, ממילא האב מיר דאך א גוטן מנהיג, אין זכות פון דעם מנהיג זאל מיר געהאלפן ווערען, הושענא די זאלסט אונז העלפן למענך דורשינו, די ביסט דאך אונזער מנהיג, האב מיר**

KolSatmar.com

דאך א גוטן מנהיג הדור, **אין זכות פון דעם גרויסען מנהיג איז כדאי אונז זאל מיר געהאלפן ווערן.**

## הושענא למענך דורשנו הושענא

**למען** אמיתך, די גמרא זאגט אנפאנג מס' ע"ז, דף ד' איז עס, שלש שעות ראשונות איז הקב"ה איז עוסק בתורה, ווען ער איז עוסק בדין איז נאר פארהאנדען א וויתור, ביי די תורה שטייט ס'איז אמת, איז נישט פארהאנדען קיין וויתור, איז דעמאלטץ א שווערערער דין, אזוי זאגט די גמרא, ביז ווען ס'נאך א מציאות אבער ווען דער שפלות הדור איז אזוי גרויס, איז דאך דער רחמים א הכרח, דער אמת איז אויך מסכים, ווען נישט חלילה איז שוין נישטא קיין עמידת העולם, עס שטייט דאך פארדעם האט מען מצרף געווען מעיקרא אן, שתפו למדת הרחמים.

## הושענא למען אמיתך הושענא

**למען** בריתך, די גמרא זאגט אין שבת ר' יוחנן האט געזאגט זכות אבות תמה וברית אבות לא תמה, וואס איז דאס זכות אבות און וואס איז דאס ברית אבות, קען זיין אזוי, לעולם פארוואס דארף מען א כריתת ברית ביי יעדען צדיק שטייט דאך אויך ועושה חסד לאלפים אויף צוויי טויזענט דורות, די וועלט שטייט דאך שוין נישט קיין צוויי טויזענט דורות, כ'האב שוין געזאגט תירוצים דערין ס'איז נישט קיין צייט איצט, עכ"פ אן דעם אלעס איז עס ביי יעדען צדיק, נאר זעהט אויס ס'מוז זיין אוחזין מעשה אבותיהן בידיהם פוקד עון אבות על בנים ועל שלשים ועל רבעים איז אויך נאר כשאוחזין מעשה אבותיהן, דאס וואס לזכות איז פינעף הונדערט מאל אזוי, איז אויך נאר כשאוחזין מעשה אבותיהן, איבערדעם איז תמה זכות אבות זאגט די גמרא, מ'איז שוין זייער ווייט פון זייערע מעשים, נאר לאמיר זעהן דער בוכ"ע האט געגעבען דא א כריתת ברית, וואס

KolSatmar.com

פעלט נאך א כריתת ברית, מוז דאך זיין אז ווען ס'איז נישט אוחזין מעשה אבותיהן בידיהם האבן זיי אויך כורת ברית געווען, ווען נישט איז דאך איבעריג דאס כריתת ברית ס'איז נאר אויף דעמאלטץ, פון דעם כריתת ברית איז געדרינגען אז ווען ס'איז נישט אוחזין מעשה אבותיהן בידיהם איז אויך א כריתת ברית אויף אייביג, איבערדעם דער כריתת ברית איז דאך שוין אמיתיות, מ'איז כורת ברית מ'זאל נישט משנה זיין, איבערדעם נאך למען אמיתך קומט נאך למען בריתך.

## הושענא למען בריתך הושענא

**למען** גדלך ותפארתך, דער אמת לעולם איז דאך דא א גרויס נס, הן הן גבורותיו והן הן נוראותיו, דאס אליין איז דאך א גרויסקייט אז מ'האלט אויס אין דעם תוקף פון דעם גרויסען גלות, די גמרא זאגט מ'האט קודם נישט געזאגט הגדול הגבור והנורא די אנשי כנסה"ג, און דערנאך דעם האבן זיי געזאגט הן הן גבורותיו והן הן נוראותיו, ס'איז טאקע א גרויסע גבורה, ס'איז א גרויסקייט, אבער ס'איז נישט קיין תפארת די גרויס הסתרה, בעהט מען ס'זאל זיין גדלך ותפארתך.

## הושענא למען גדלך ותפארתך הושענא

**למען** נצחך - למען סודך, ס'שטייט אין פסוק ווי אזוי ס'וועט אויסזעהן פאר די גאולה אין די לעצטע דורות ס'וועט זיין דער שפלות מ'וועט זאגן שוא וגו' והלכנו כדורנית, בעבודה פארן אייבירשטען, שוא עבוד אלקים כי הלכנו כדורנית לפני ה', זיי זענען געגאנגען כדורנית און האבן זיך געפלאגט פאר עבודה, ועתה גם אנחנו מאשרים זדים, אינץ וועל מיר אויך מאשר זיין, בחנו את אלקים זיי האבן אויספראבירט דעם באשעפער, וימלטו, זיי האבן אויסגעפירט, זיי האבן געווינען דעם נסיון, אז זיי האבן

KolSatmar.com

אויסגעפירט קעגען בוכ"ע, אזוי שטייט אין פסוק וועט עס אויסזעהן, אפילו יודן וואס זיי האבן געדינט דעם אייבירשטען וועלען אויך אזוי זאגן, בעוה"ר היינט זעהט מען דאך די גרויסע הסתרה, ווער האט זיך דאס געקענט אויסמאלן דען פריער, מ'רעדט זיך איין אז מיט מינות און אפיקורסות לא עלינו פירט מען אויס, כאטש השי"ת איז עס מרחק, השי"ת זאגט מ'טאר נישט און מ'פירט דאך אויס, דער פסוק האט אונז פאראויס מודיע געווען, מ'זאל זיך נישט אזוי דערשרעקען, האט מען מודיע געווען, אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו, ס'וועט זיך טרעפען א פאר יודן איינער מיטען אנדערען, מ'וועט זיך בארעכענען אז ס'איז דאך נישט אזוי, וועם זאל זיך דאס אויסמאלען.

כ'האב געזאגט דעם פשט, עס שטייט בגוי נבל אכעיסם, נבל זאגט רש"י נבל אלו המינים, ס'איז א ספרי, שנאמר אמר נבל בלבו אין אלקים, דער נבל מיינט מען מינים, די גמרא זאגט דאך אין מינים בעכו"ם, אזוי זעהט מען נעבעך בעוה"ר אז ס'הייסט מלכות ישראל מיט מינות מיט אפיקורסות, לכאו' וואס שטייט עפעס "אכעיסם", לכאורה דעם בוכ"ע איז מען מכעים אויף דעם קען מען גארנישט טון, נאר מ'איז מכעים דעם בוכ"ע, פארוואס זאגט ער בגוי נבל אכעיסם זיי טון דאך אן צרות ל"ע, אויף די גאולה און אויפן גלות, אויפן שיעבוד, וואס איז דער אכעיסם, נאר וואס דען, דער פסוק האט נישט געוואלט ארויסזאגן אזא ביטערע קללה, אז ס'וועט זיין א גוי נבל א מלכות המינות, און מ'וועט נאך צופרידען זיין אויך דערמיט, און מ'וועט נאך טרעפען יודן וואס לייגען תפילין וואס זענען נאך צופרידען דערמיט אויך, דער פסוק זאגט נאר אז בגוי נבל איז "אכעיסם", עכ"פ מ'וועט ברוגז זיין דערפאר, מ'וועט נישט צופרידען שליסען דערמיט, איי ס'איז דאך געשעהן דאס אויך, דאס ליגט אין וכל חלי וכל מכה

KolSatmar.com

אשר לא כתובה בספר, די תוה"ק האט גארנישט געוואלט ארויסזאגן אזוי ביטערניש אז ס'וועט נאך זיין א מלכות המינות אויף יודן און מ'זאל נאך צופרידען זיין, עכ"פ די תוה"ק האט געזאגט אכעיסם, ער דערצערענט דאס דור, ווען דער גאנצער כלל ישראל וואלט געווען כאטש אכעיסם, העט הקב"ה געהאט רחמנות אויף אונז, און ער וואלט אונז נישט געלאזט אין אזא ביטער גלות, בעוה"ר מ'לייגט חלילה אנידער די גאנצע אמונה, אז מ'באטייליגט זיך נאך דערמיט, אז מ'ווערט נאך א שותף דערמיט, ס'איז נישט אכעיסם, דאס איז מכה אשר לא כתובה בתורה.

**איבערדעם** זאגט מען למען נצחך, מ'זאל שוין זעהן ווער האט דעם נצחון, אז דער אייבירשטער וועט אונז העלפן מ'וועל מיר זעהן דער בוכ"ע האט אויסגעפירט, נישט די מינים און אפיקורסים האבן אויסגעפירט, איי ס'איז נישט אזוי, דאס איז בסוד סודות, אין די גרויסע ביטערע הסתרה זעה מער וואס מ'זעהט, ס'איז בסודן של הדברים פארוואס דאס האט אזוי געברויכט אזוי צו זיין, איבערדעם זאגט מען הושענא למען נצחך, איי בעוה"ר מ'זעהט גארנישט דעם נצחון, זאגט מען למען סודך, ס'איז בסודן של דברים, ס'איז באהאלטן, דער בוכ"ע זאל אונז העלפן מ'זאל מער דערלעבען די ישועה, ס'שטייט דברים המכוסים מכם וועט זיין צופים לעתיד לבוא, וועל מיר זעהן דעם נצחון פון בוכ"ע, עס זאל זיך שוין ארויסשטעלען אז דער בוכ"ע העלפט יודן.

## הושענא למען נצחך הושענא – הושענא למען סודך הושענא

**(הקפה ב')** הושענא דביר המוצנע, דער מדרש זאגט דער קודש הקדשים הייסט דביר, ע"ש שהדיבור יוצאת, פון דארטן גייט ארויס דער דיבור, דער אמת, לעולם ה' דברך נצב

KolSatmar.com

בשמים, דער דיבור פון הקב"ה איז דאך נצחי, בכל יום איז א בת קול יוצאת מהר חורב וכו' אזוי ווי די גמרא זאגט נאר וועגען הסתרת פנים איבערדעם הערט מען נישט דאס, מ'וואלט עס ווען געהערט דעם בת קול, די אלע דיבורים זענען דא בעולם, ס'שטייט אין מאור עינים, לעולם ה' דברך נצב בשמים, דאס וואס דער בוכ"ע האט געזאגט יהי רקיע, דאס ווערט איבערגעבליבען, דאס האלט אויף, דער דיבור איז א נצחי, עס שטייט די אלע דיבורים, די דיבורי התורה וואס מ'האט געזאגט איז דאס אויך א נצחיות, נאר וואס דען דער עון הדור דאס פארשטעלט, דאס באהאלט עס, ווען דער בוכ"ע וועט העלפן, מ'וועט האבן אפענע אויגען, ווען ס'וועט שוין זיין די ישועה שלימה, וועט מען זעהן די אלע דיבורים וואס דערוויל איז עס באהאלטען, יעדער ביי זיך אליין איז דא א אהבה מסותרת אין די נקודה שבלב, נאר ס'איז פארשטעלט, בעוה"ר פון די חטאים מיט די מעשים רעים, מ'קען נישט ארויסזאגען אן אמת'ען דיבור פאר הקב"ה, דאס דיבור איז באהאלטען, איז מען מתפלל.

## הושענא דביר המוצנע הושענא

**הושענא** והר יראה, ס'שטייט דאך (סוכה נ"ב) אז לעתיד היצר הרע הרשעים נדמה להם כחוט השערה וצדיקים נדמה להם כהר, ווי אזוי איז דאס מעגליך, ווי אזוי איז דער אמת, נאר דער פשט איז, ס'איז דא אסאך תירוצים און פשטים, איינס פון די פשטים איז, דער אמת דער בוכ"ע העלפט, ס'איז טאקע א הר דער בוכ"ע העלפט, שטייט אין רי"ף פאר צדיקים ווייזט מען נישט די ישועה אינגאנצען, ס'זאל נישט זיין קיין נהמא דכסיפא, ער טייטשט והללתם את שם וגו' אשר עשה עמכם להפליא כדי ולא יבשו עמי לעולם, דער בוכ"ע וואונדערט זיך אויך, ער וואונדערט זיך ווי אזוי האבן זיי געקענט כובש זיין אזא הר, דער בוכ"ע וואונדערט זיך אויך כדי ולא יבשו עמי לעולם, ווייזט מען זיי נישט די ישועה, ווי

KolSatmar.com

גלייך זיי וואלטען עס אליין געטיען, אבער רשעים וואס זיי האבן דאך נישט געטיען גארנישט, קיין חוט השערה, ווייזט מען זיי אז ס'איז נאר א חוט השערה, ווארן ווער עס טוט העלפט דער אייבירשטער.

**איבערדעם אז מ'קומט זיך צינאזאם, אז דער אייבירשטער העלפט און מ'טוט תשובה, מ'גייט ארויס מיט מחשבות טהורות, מיט א גוט הארץ, קאן מען נאך זיין נמנה בין הצדיקים, אזוי ווי ס'שטייט שמא הרהר תשובה בלבו, מ'קאן זיין נמנה בין הצדיקים, און נישט חלילה, מ'זאל נישט ארויסגיין ח"ו נמנה זיין בין הרשעים, אזוי ווי מ'איז פיל מיט עוונות ופשעים, וכאשר בא כן ילך, מ'גייט ארויס, און מ'איז נמנה חלילה ווייטער צווישען די רשעים, מ'גייט ארויס פון די הייליגע טעג, מ'זאל נישט זיין פון די וואס עס זעהט זיך אן ווי א חוט השערה,** אז מ'איז נמנה בין הצדיקים דעמאלטץ ווייזט מען אים נאר א הר, דאס איז דער יצה"ר נמשל פאר א הר, איז מען מתפלל מ'זאל זיין פון די ס'זאל זיין "והר יראה", ס'זאל זיין נדמה להם כהר נישט צווישען די וואס מ'ווייסט, וואס איז נדמה להם כחוט השערה.

## הושענא והר יראה הושענא

**מ'איז** מתפלל טוב הלבנון, די גמרא זאגט למה נקרא שמו לבנון שמלבין עוונותיהן של ישראל, דעסטוועגען וואס הייסט עס טוב הלבנון, עס שטייט מ'בעהט זיך ומה שחטאתי לפניך מחוק ברחמיך הרבים אבל לא על ידי יסורין קשים וחלאים רעים, די יסורין זענען ממרקין עוונותיו של אדם, נאר נישט אויף א גוטן אופן, נאר מיט גרויס צער, ס'איז דא א עצה אויף מירוק עוונות, נאר מיט גרויס צער, דאס איז נישט גוט, אין בית המקדש מיט אהבה, מ'האט געדינט דעם באשעפער איז עס מלבין עוונותיהן של ישראל מיט א גוטן אופן אויף א גוטן וועג, אז תתענג על ה' ווען מ'דינט דעם

KolSatmar.com

אייבירשטען, דער בוכ"ע זאל העלפן, מ'גייט ארויס פון דעם טאג, מ'זאל אויף זיך מקבל זיין מ'זאל דינען דעם באשעפער באמת, די עוונות זאלן גערייניגט ווערען אויף א גוטן אופן, ולא ע"י יסורין וחלאים רעים, מ'זאל אוודאי אפגעהיטען ווערען פון די עונשים וואס זענען נאך אנגעגרייט, דער בוכ"ע זאל העלפן ס'זאל זיין "טוב" הלבנון, דער ליבון עוונות זאל זיין אויף א גוטן אופן.

## הושענא טוב הלבנון הושענא

**(הקפה ג')** די זעלבע זאך זאגט מען זרויה בין מכעיסיה, ווי כ'האב פריער (בלמען נצחך) געזאגט בגוי נבל אכעיסם, אז מ'איז אין גלות דארף מען וויסען דעם עול הגלות, און מ'זאל האלטען די תוה"ק מיט דער אמונה, אז מ'ווערט צופרידען, אזוי אין מצרים זענען אויך געווען די רשעים אין גוטן מיט זיי האבן זיי געהאט אלצדינגס, ס'האט זיי נישט געפעלט גארנישט, ויתערבו בגוים וילמדו ממעשיהם, מ'וויל זיך צוגלייכען, ווען מ'האלט זיך און מ'איז אפגעשיידט, אז ס'איז בין מכעיסיה, דאס איז א שבח, אז מ'איז נישט צופרידען, מ'איז "שונות" מכל עם, מ'איז נישט צופרידען, כאטש מ'איז אין גלות, אבער ס'איז אלץ מכעיסיה, מ'האט זיך נישט חלילה צוגעוויינט צו דרכי האומות, נאר יודן וויסען אז ס'איז דא א באשעפער און ס'איז דא א תוה"ק, דאס איז אונזער האפענונג, מ'זאל מיר קענען דבוק זיין אין די תוה"ק, מ'זאל מיר נישט זיין דבוק נאר אין בוכ"ע, איז דאס דער תכלית פון אלעמען, מ'זאל נישט חלילה פארפאלען ווערען אין דעם מצב העולם.

## הושענא זרויה בין מכעיסיה הושענא

**(הקפה ד')** קען זיין דאס איז טאקע אויך דער פשט מ'זאגט גבור ורב להושיע, דלותי ולי יהושע, כ'האב פריער

KolSatmar.com

געזאגט (למענך אלקינו) כי רב הוא, דער אוצר מתנת חנם איז זייער גרויס, גבור - דער בוכ"ע איז גבור "ורב" להושיע, ער גוט פון אוצר הגדול, איז די קשיא פארוואס, זאגט מען דלותי ולי יהושע, מלשון דלות מי שאין לו משלו, דער בוכ"ע גוט אים בתורת צדקה, איבערדעם איז ורב להושיע, דער האט נאך א גרעסערען אוצר, ווי כ'האב שוין פריער געזאגט אז מ'דארף האבן רחמים און זיי האבן אויפגעפענט דעם צינור.

## הושענא דלותי ולי יהושיע הושענא

**איצט** זאגט מען יבול להשפיע, רש"י זאגט עה"פ ונתנה הארץ יבולה מה שאתה מוביל לה, זאמען ווערט אנגערופן בלשון יבול, דאס פירט מען מ'זייעט דאס אן ס'זאל וואקסען, דער אמת האט דער בוכ"ע געזאגט, פתחו לי פתח כחודו של מחט ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם, מ'דארף אנזייען מ'דארף זרע, **דאס וואס יודן ברויכען צו טון דאס יבול, דערנאך דעם קומט פון בוכ"ע, בעהט מען זיך אונז האב מיר דאס אויך נישט קיין כח, טאקע דעם יבול, דעם חודו של מחט, דאס מוז אויך דער בוכ"ע משפיע זיין פאר יודן, אונז זעמער דאס אויך נישט בכח, אזוי ווי מ'זעהט אוים בעיקבא דמשיחא אין דעם ביטערען חשכות**, ס'איז נישטא קיין השפעה מ'ווערט נתגשם.

## הושענא יבול להשפיע הושענא

**כל** שיח תדשא ותושיע, די גמרא זאגט אין שיחה אלא תפלה, בפשטות גייט עס ארויף אויף די גראזען, נאר כ'האב פריער געזאגט ס'איז פארהאנדען אמאל די תפלה ס'איז טאקע פועל, נאר ס'ווערט פארהאלטען לזמן, ביז מ'וועט ראוי זיין, אונז ברויך מיר האבן אז די ישועה זאל זיין תיכף, איבערדעם זאגט מען כל שיח אז יעדע תפלה זאל זיין תדשא, ס'זאל ארויסברענגען און ס'זאל

KolSatmar.com

וואקסען, אבער ס'זאל טאקע שוין זיין ותושיע, ס'זאל נישט פארהאלטעןָ ווערען, ס'איז אויף תיכף זאגט מען צוויי מאל הושענא.

## הושענא כל שיח תדשא ותושיע הושענא

**(הקפה ה')** מ'זאגט איצט מטרות עוז לסממה, - נשיה לקימה, וואס איז מטרות "עוז", די גמרא זאגט (תענית ז') גדול יום הגשמים מיום מתן תורה שנאמר יערוף כמטר לקחי, די תוה"ק איז צו געגלעכינט צו רעגען, ס'איז גארנישט צו פארשטיין דער גדול יום הגשמים וכו', נאר וואס דען קען זיין אזוי, נאך הושענא רבא קומט נאך שמיני עצרת, דעמאלטץ פרייד מען זיך מיט די תורה, גייט עס ארויף אז די תוה"ק וואס מ'איז מקבל מיט שמחה איז נאך גרעסער, שמיני עצרת איז דאך דער זמן פון גשמים, מ'בעהט דעמאלטץ אויף רעגען, דאס קען זיין די כוונה, שמיני עצרת איז א יום הגשמים, אין גדול יום הגשמים יותר מיום מתן תורה, (עיי' ד"י עקב עמוד ע"ט) . . . אין עוז אלא תורה, עס שטייט דאך איבערדעם פארגעסט מען ווייל מ'לערינט מפי בשר ודם, היינט פארגעסט מען, ווייל מ'לערינט נישט מפי הקב"ה, אחר ביאת המשיח וועט מען הערען תורה מפי הקב"ה וועט מען נישט פארגעסען, דער אייבירשטער וועט העלפן . . . איבערדעם זאגט מען מטרות "עוז" לסממה, ווען ס'וועט ווערען דער זמן פון מטר וואס ס'ווייזט אויף די תוה"ק, מ'וועט משיג זיין די תורה, אז ס'זאל זיין די ישועה שלימה, וועט מען מקבל זיין די תוה"ק נאר פון בוכ"ע, וועט זיין נשיה לקיימה, דאס וואס מ'פארגעסט היינט וועט האבן א קיום, אז ס'וועט זיין די ישועה שלימה וועט מען זוכה זיין צו שמחת תורה, מ'וועט מקבל זיין, עס קען זיין שיחים איז מלשון תפלה, אויף דעם ברויך צו זיין שיחים לקוממה, אז תפלה ברויך מען כאטש האבן.

## הושענא מטרות עוז לסממה הושענא

KolSatmar.com

**(הקפה ז')** . . . למען גבור הנאבק עם שר אש - למען דגלים נחית באור וענן אש, דער בוכ"ע האט געפירט און ער האט מכניע געוועז די כוחות האש . . . דער יצה"ר ווערט דאך אנגערופן אנא בשרא ואת נורא, ער ווערט אנגערופן אש, אזוי זאגט די גמרא, איז גבור הנאבק עם שר אש, אויף דעם איז די גאנצע הקפה, ווען מ'גייט ארויס צום געזעגענען ביי די זיבעטע הקפה, דארף מען צו וויסען אז מ'האט א מלחמה מיטען שר של אש, שטייט דאך די עצה אז מ'זאל אויף זיך מקבל זיין דעם עול מלכות שמים אז דער בוכ"ע זאל העלפן מ'זאל ארויס גיין מיט א כח הקדושה, ס'איז טאקע די לעצטע רגעים פון דעם טאג, מ'האב מיר נאך די איינע הקפה . . . אין דעם טאג, דער בוכ"ע זאל העלפן, ס'האט קיין שיעור נישט וואס מ'קען נאך געהאלפן ווערען, אזוי ווי מ'זאגט ביי נעילה סלח נא עבור כי פנה יום, ס'איז געווען דער עמוד אש לילה . . . מ'זאל מיר ארויס גיין מיט א כח הקדושה, מ'זאל מיר ארויס גיין מיט א ישועה שלימה, מ'זאל האבן פאר'חתמ'ט א שנת ישועה פאר יודן, מ'זאל ניצול ווערען מכל צרה וצוקה ברוחניות ובגשמיות, דער עיקר איז מ'זאל האלטען אמת'דיג ביי יודישקייט, מ'זאל מיר די זכיה האבן אמת'דיג צו זיין דבוק אין לעבעדיגן באשעפער, דאס איז דער גאנצער תכלית.

**הושענא למען גבור הנאבק עם שר אש הושענא**

KolSatmar.com